גליון חיים נצחיים

לע"נ חברינו היקר הבלתי נשכח
מוהר"ר **אברהם** ע"ה במוהר"ר
**משה דוד** הי"ו **געטץ**
נלב"ע א' דראש השנה תשע"ט לפ"ק

א ליכטיגקייט און קלארקייט אין עבודת השם, פונעם קוואל פון הרה"ק **רבי נחמן מברסלב** זצוקללה"ה און זיינע הייליגע תלמידים זיעועכי"א

גליון 16 | פרשת **וירא** תש"פ

# דער עיקר איז די רצון!

ארויסגענומען פון ליקוטי הלכות אומנין ה"ד, י'

**וואס איז די געוואלדיגע זכות פון די עקידה?** | פון וועלכע עבודה האט דער אייבערשטער די מערסטע נחת רוח? | **פארוואס האט דער אייבערשטער אזוי ליב געהאט אברהם אבינו?**

דאס זענען אלע מודה אז רצון איז א חשוב'ע זאך, אבער געוויסע מענטשן טראכטן, אז למעשה איז דער עיקר חשיבות, די 'עשיה': דהיינו, דאס עצם טוהן די מצוה. די 'רצון' זעלבסט איז נישט אזוי חשוב, מען נוצט עס בלויז אין ספעציפישע נויט פעלער ווען מען זעט אז מען דארף איינעם מחזק זיין, נאכ'ן ווערן צובראכן אדער אראפגעקלאפט ביי זיך...

מיר ווייסן אבער פונעם רבי'ן, אז דער אמת איז פונקט פארקערט. דער הייליגער רבי זאגט: אז **דער עיקר איז די רצון!** (שיחות הר"ן נ"א), און לויט ווי רבי נתן גיבט דאס צו פארשטיין, איז דער הסבר דערצו, וויבאלד, ווער האט דען געגעבן די כוח פאר'ן מענטש צו טוהן א מצוה אויב נישט דער אייבערשטער אליין?! אלעס קומט דאָך בלויז פון אים! קומט אויס, אז אויף די עשיה אליין וואלט זיך נאכנישט געקומען קיין שום באלוינונג אדער איינערקענונג פאר'ן מענטש. איז אויף וואס יא? אט דאס איז געוואנדן - פירט רבי נתן אויס - אין די 'רצון'! אין די הארץ, וואס דער איד געבט אוועק פאר'ן אייבערשטן - אט אין דעם רעכנט זיך דעם אייבערשטנס עיקר נחת רוח פון די עבודה פון א איד! (ברכהמ"ז ה"ד, שם).

די נקודה לערנען מיר ארויס פון די וואכעדיגע סדרה, די פרשה פון עקידת יצחק:

אָן א צאל מאל דערמאנען מיר דורכאויס די יאר די זכות פון די עקידה אין וועלכע אברהם אבינו איז געשטאנען גרייט ארויפצוברענגען זיין באליבטע זוהן, יצחק, אויפן מזבח אלץ א קרבן עולה פאר'ן אייבערשטן. אנגעהויבן יעדן אנפאנג טאג, ביי תפילת שחרית ווען מיר לייגן צו דערביי א הייסע ווארעמע תפילה פונעם רבוש"ע, אז **כְּמוֹ שֶׁכָּבַשׁ אַבְרָהָם אָבִינוּ אֶת רַחֲמָיו לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ בְּלֵבָב שָׁלֵם** - אזוי זאל אויך דיין רחמנות איינהאלטן דיין צארן פון אונז... אזוי אויך, ראש השנה, דערמאנען מיר דאס עטליכע מאל אין דעם יום הדין: סיי די צווייטע טאג ראש השנה ביי קריאת התורה, און סיי ביי מוסף ביי 'סדר הזכרונות' ווען מיר בעטן פונעם אייבערשטן **ותראה לפניך עקידה שעקד אברהם אבינו את יצחק בנו על גבי המזבח...** ביז מיר לאזן אויס **ועקידת יצחק לזרעו היום ברחמים תזכור!**

- וואס ווי עס קוקט אויס פון דעם, איז אונזער עיקר האפענונג און אויסזיכט צו ממתיק זיין אלע שווערע דינים און ארויסצוגיין 'זכאי' אינעם יום הדין, אלס א דאנק די זכות פון עקידת יצחק! אזויווי מיר זאגן ביים דאווענען **ובבן הנעקד ישבית מדיננו**, אין זכות פון די עקידה זאלסטו, רבוש"ע, נישט צולאזן די שטן זאל ח"ו קענען מקטרג זיין אויף דיינע אידישע קינדערלעך! אין אנדערע ווערטער: נאך ביזן היינטיגן טאג פארדינען מיר קאָמישען פון דעם...

**די אַלע מצוות און מעשים טובים פון אַ איד איז בלויז אַ מיטל אָנצוקומען צו די שפּיץ מטרה: צו מגלה זיין אונזער רצון צום אייבערשטן!**

לאמיר זיך אפשטעלן א רגע! אין פאקט, האט אברהם אבינו דורכגעפירט די מעסער אויף יצחק'ס האלז? האט ער בכלל איבערגעלאזט סיי וועלכע קליינע צייכן אין זיין קערפער? - ניין! די מלאך האט דאך אים קלאר געווארנט **אַל תִּשְׁלַח יָדְךָ אֶל הַנַּעַר וְאַל תַּעַשׂ לוֹ מְאוּמָה!** אויב אזוי, וואס איז די גרויסע רעש און טראסק פון די עקידה ווען אין פאקט האט ער למעשה גארנישט געטאָן?!

מיר ווען נישט האבן קיין ברירה און מוזן מודה זיין, אז דער עיקר זכות פון די עקידה איז געווען - די **רצון!** דאס הייסט, דאס אז אברהם אבינו איז געשטאנען גרייט, מוכן ומזומן, מיטן מעסער אין האנט און איז געווען **מרוצה** ארויפצוברענגען זיין זוהן אלץ א קרבן עולה פאר'ן אייבערשטן! אט די רצון זיינער, דאס איז וואס איז געווען אזוי טייער ביים אייבערשטן, וואס אט דאס איז אונזער עיקר קיום און זכות אויף וועלכע מיר לעבן נאך ביזן היינטיגן טאג...

און אז מען רעדט שוין פון די גרויסקייט פון אברהם אבינו, און פון זיין רצון צום אייבערשטן, איז כדאי צו דערמאנען וואס דער הייליגער רבי נתן זצ"ל שרייבט (ליקו"ה ברהמ"ז ה"ד, כ"ד): לכאורה, וואס איז געווען די ספעציעלע אהבה וואס דער אייבערשטער האט אזוי ליב געהאט אברהם אבינו ע"ה, אזוי ווייט אז דער אייבערשטער אליין רופט אים אָן **אַבְרָהָם אֹהֲבִי** (ישעי' מא, ח), מיין גוטער פריינט כביכול?! - ער האט דאך נאכנישט פארמאגט קיין תורה אדער מצוות, איז מיט וואס האט ער שוין געקענט סך הכל דינען דעם אייבערשטן אז דער אייבערשטער זאל האבן פון אים אזא אויסטערלישע נחת רוח?

נאר דער הייליגער רבי ברענגט אין ליקוטי מוהר"ן (סי' קמ"ב),

המשך בעמוד ב'

## • מעט מן האור •

*ליקוטים מובחרים מתורתו של רביה"ק ותלמידיו בלשון קצרה ובסגנון קל, להחיות בהם נפש כל חי*

### פרשת השבוע

***וְהוּא יֹשֵׁב פֶּתַח הָאֹהֶל כְּחֹם הַיּוֹם*** *(בראשית י"ח, א')*

**יושב** לשון המתנה ועכבה זמן רב (כמ"ש: "ותשבו בקדש ימים רבים"). היינו, שאין האדם זוכה להתגלות אלקות בבחינת **וירא אליו ה'**, כי אם ע"י שיושב וממתין אצל **פתח האהל** הקדושה ימים וזמנים רבים. ואע"פ שבתוך כך עובר עליו מה שעובר! כש**חום היום** שהם חמימות כל התאוות בוער בקרבו - ואעפ"כ אינו מניח את מקומו ח"ו, עי"ז זוכה ל**וירא אליו ה'**:

*(עלים לתרופה כ"ח)*

***וְאַיֵּה הַשֶּׂה לְעֹלָה?*** *(בראשית כ"ב, ז')*

היינו, כשאדם נופל למקומות הרחוקים מכבוד השי"ת כביכול, היינו לספיקות והרהורים, אזי עיקר תיקונו, שיחפש וישאל במקום אשר הוא שם **איה מקום כבודו?!** ובזה חוזר ומדבק עצמו לתכלית העליה בקדושה! (בבחינת: ירידה תכלית העליה!). וזהו: **וְאַיֵּה** - ע"י בקשת **"איה" מקום כבודו**, עי"ז, זה נחשבת כקרבן **השה לעולה**, כי ידוע (מ"ר ויקרא פ"ז) שקרבן עולה בא לתקן ולכפר על הרהור הלב!

*(ליקו"ת סי' י"ב)*

### *אברהם אבינו*

פעם אחת דיבר מוהרנ"ת זצ"ל מגודל מעלת תבערת הלב של אאע"ה. ובתוך שיחתו הקדושה ענה אחד לפניו בלשון צער וגניחה: "איך לוקחין לב כזה?" וגער בו ואמר לו: **דו האסט אויך דאס הארץ, נאר דו באהארצט דאס ניט!** (גם אתה יש לך לב כזה, אלא שאינך מלבב זאת!). כי הבחירה חפשיית, וכל אדם אפילו הגרוע שבגרועים יש בכוחו לזכות למדריגה הגדולה שבגדולות!

*(ליקוטי הלכות, הקדמת המביא לבית הדפוס)*

**קול משיב לשואל**

**שו"ת בעבודת השם,** שיעורים, **דברי תורה על הפרשה,** וועכענטליכע החתזקות, **סעילס אויף ספרי ברסלב**

**718.362.8870**

אז **אַבְרָהָם, לֹא הָיָה לוֹ מִמִּי לִלְמֹד, וְלֹא הָיָה לוֹ רַק לֵב חוֹשֵׁק לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ!!!** - אט אין דעם שטעקט דער סוד. די **האַרץ!** - אט דאס איז געווען די גאנצע עבודה זיינער! דער אייבערשטער האט אזוי געקוואלן און זיך משעשע געווען מיט אים, וויבאלד זיין הארץ איז שטענדיג אויסגעגאנגען און געגליסט און געוואלט נאר דעם אייבערשטן!

אַלְזאָ: אויב פאר געוויסע מענטשן דאכט זיך, אז די **רצון** איז נאר א **מיטל** אויסצופירן און אנצוקומען צו די **מטרה** און תכלית, דהיינו צו טוהן די מצוות **בפועל**, קומט אבער רבי נתן און דעקט אויף די מציאות פונקט פארקערט: די אלע מצוות און מעשים טובים פון א איד איז בלויז א **מיטל** אנצוקומען צו די תכלית און שפיץ **מטרה**: צו מגלה זיין אונזער רצון צום אייבערשטן - און דעם אייבערשטנס רצון צו אונז! וואס אט דאס איז די סאמע העכסטע מדריגה צו וואס א מענטש קען אנקומען אויף דער וועלט, וואס משה רבינו האט צו דעם זוכה געווען: נעמליך, נכלל צו ווערן אין 'רעוא דרעוין', דאס טייטש, **רצון שברצונות** (ליקו"ה ערב ה"ג).

דעריבער, לויט אונזערע ווערטער קומט אויס, אז די עבודה פון רצון, דאס איז מחיה יעדער איד - צוויי-פאכיג: סיי ווען ער האט נישט געקענט טוהן די מצוה בפועל - דעמאלטס דארף ער זיכער זיך דערהאלטן כאטש מיט די רצון וואס ער האט געהאט צו די מצוה. אבער נאכמער פון דעם: אפילו ווען ער האט ברוך השם יא זוכה געווען צו טוהן די מצוה, דעמאלטס דארף אויך זיין עיקר חיות און שמחה זיין, פון די רצון וואס ער האט געהאט, נאך אסאך מער ווי פון די פיזישע טייל וואס ער האט געהאט אין די מצוה! וואס ווען דער מענטש האלט ביי דעם, דאן ווייסט ער אז ער איז אויף די ריכטיגע רעלסן אין עבודת השם!

קראנטע ערציילונגען פונעם הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים:

# דער מיסטעריעזער מגיד פון הימל

א וואונדערליכע געשיכטע איז פארהאן אין צוזאמענהאנג מיטן אנטפלעקונג פונעם 'ספר המידות' וואס דער ערשטער טייל פונעם ספר איז פארפאסט געווארן דורכן הייליגן רבי'ן נאך אלץ קינד. פאר פילע יארן איז דער ספר געווען באהאלטןביים רבי'ן, ביז עס איז פארעפנטליכט געווארן. און אט אזוי האט זיך די געשיכטע אפגעשפילט:

צווישן דעם רבי'נס גרויסע תלמידים האט זיך געציילט, רבי דוב חיה'לעס, דער רב פון לאדיז'ין. איינמאל, אריינגייענדיג צום רבי'ן האט ער פארציילט דעם רבי'ן, דעם פאלגענדן געשיכטע, וואס ער האט געפונען נישטערנדיג צווישן אלטע ספרים:

אין א געוויסע שטאט האט געוואוינט א איד א גרויסער תלמיד חכם, וועלכער האט פארמאגט אונטער זיך א ישיבה ווי עס האבן געלערנט די גרעסטע לומדים פונעם גאנצן אומגעגענט. דער ראש ישיבה האט פארמאגט א גאר געלונגענעם טאכטער, און ווען זי איז געקומען אין די יארן, האט ער אויסגעקליבן פאר איר דעם בעסטן בחור פון ישיבה, וואס האט אויך פארמאגט גאר א חשוב'ן יחוס.

נאכן חתונה האט זיך דער געוועזענער חתן און דער איצטיגער יונגערמאן גענצליך איבערגעגעבן פאר תורה און עבודת השם, ווען זיין שווער שטייט אין דער זייט און שעפט נחת פון זיין 'טשאטשקע', און מאכט זיכער אז ער פארמאגט אלע באדערפענישן צום לעבן.

דער פרישער יונגערמאן איז אנגעגאנגען מיט זיין עבודה, ווען אין א שיינעם טאג האט זיך אנטפלעקט צו אים א 'מגיד' פון הימל, און האט אנגעהויבן לערנען מיט אים יעדעס נאכט, און אים מגלה געווען פילע סודות התורה. דער יונגערמאן, זייענדיג איבערגענומען פון זיין געוואלדיגע זכיה, האט זיך נאכמער צוגעפלייסט אין תורה, און אין דער זעלבער צייט אפגעהאלטן דעם געשיכטע מיטן מגיד אלץ א סוד, און האט קיינעם נישט אנטפלעקט דערוועגן.

נאכט נאך נאכט איז אנגעגאנגען די ספעקטאקל, ווען יעדעס נאכט כחצות הלילה, טוט זיך דער מגיד צו אים אנטפלעקן, ווי זיי לערנען אינאיינעם ביז צו די פארטאג שעה'ן, ווען די זון טוט צוביסלעך אויפשיינען אויפן האריזאנט... אבער איין דעטאל איז נישט געווען באקאנט פארן יונגערמאן: אט דער מגיד איז געווען פונעם צד הטומאה. וויבאלד ער איז איינמאל נכשל געווארן מיט א קליינע עבירה, האט מען אזוי צוגעלאזט פון הימל אים צו פארנארן מיטן אזוי-גערופענעם מגיד.

אין איינס פון די נעכט האט זיך דער מגיד געוואנדן צו אים און אים אנגעהויבן איבעררעדן אז ער זאל גיין און עובר זיין אויף א גאר הארבע עבירה. דער יונגערמאן איז אויפגעשוידערט געווארן הערנדיג די ווערטער ארויסקומען פונעם מגיד'ס מויל, אבער דער מגיד קוקט אים בלויז אריין אין געזיכט און זאגט אים מיט א ווייכער טאן: "אויב וועסטו צוהערן צו מיינע רייד, וועסטו מקרב זיין די גאולה..."

דער יונגערמאן טראכט צו זיך אין פארלעגנהייט וויאזוי קען איך דען עובר זיין אויף אזא שרעקליכע עבירה במזיד? אבער דער מגיד זעצט פאר צו רעדן צו אים, איבערצייגנדיג, אז דורכ'ן מקיים זיין זיינע רייד וועט ער האבן א חלק אינעם גאולה, און עס איז כדאי צו פאלגן די ווערטער פון א מגיד, ער זעהט דאך מער ווי די בלויזע פליישיגע אויגן זעען...

מיט צוטומלטע מחשבות האט אים דער מגיד איבערגעלאזט יענעם נאכט, און זעענדיג אז ער קען זיך נישט מיישב זיין וואס איז זיין אמת'ער פליכט, האט ער באשלאסן צו פארציילן פאר זיין ווייב איבער די ווערטער-אויסטויש וואס ער האט אפגעהאלטן מיטן מגיד.

די פרוי וועלכע איז ווארשיינליך געווען א גרויסע יראת שמים, איז אויפגעשוידערט געווארן הערנדיג די געשיכטע פון איר גרויסן מאן, אבער איז אין דער זעלבער צייט געווען צומישט וויבאלד דאס איז דאך ווארשיינליך א קלארע הוראה גלייך פון הימל. און איר פארלעגנהייט האט זי באשלאסן אנצופרעגן ביי איר גרויסן טאטען.

דער גרויסער צדיק, וואס איז אויך דערציטערט געווארן הערנדיג די דעטאלן פונעם מעשה, האט מיט פארזיכטיגקייט איבערגעקלערט די דעטאלן פונעם געשיכטע, און געקומען צו די ענדגילטיגע מסקנא אז דער מגיד איז ווארשיינליך פונעם צד הטומאה! די כוחות הטמאים האבן נישט געקענט צוקוקן צו די מורא'דיגע עבודה פונעם יונגערמאן, און האבן אים ווארשיינליך אריינגעפירט אין א ביטערן פאסטקע. דער שווער האט באשלאסן אז ער מוז נעמען זאפארטיגע שריט צו ראטעווען זיין איידעם.

ער האט צוגערופן דעם איידעם אין א זייט, און אים געזאגט מיט גרויס ווייטאג, "לויט מיין מיינונג איז דער מגיד פונעם צד הטומאה".

"פון וואו וועל איך זיין איבערצייגט אז עס איז טאקע אזוי'וי דער שווער זאגט?", האט דער איידעם געפרעגט פארצווייפלט.

"אויפן שטערן פון יעדן מלאך איז פארהאן אלע אותיות פונעם אל"ף בי"ת", האט דער שווער ערקלערט פאר'ן איידעם. די אותיות פונעם הייליגן נאמען פונעם אייבערשטן טוען לייכטן און שיינען ביי א הייליגע מלאך. ווידער ביי א מלאך פונעם צד הטומאה זענען די אותיות פארשווארצט. דערפאר, ביים קומענדיגן געלעגנהייט וואס דער מגיד וועט זיך צו דיר אנטפלעקן זאלסטו גוט באטראכטן זיין שטערן, און אויב די אותיות זענען פארשווארצט זאלסטו זיך גלייך אפטשעפן פון אים". און אלץ א שמירה האט אים דער שווער איבערגעגעבן פארשידענע קמיעות מיט וועלכע ער וועט זיך קענען ראטעווען.

דער נאכט איז צוגעפאלן, און אונטער גרויס פחד האט זיך דער איידעם געגרייט אויף זיין אויספיר-מיסיע פונעם היינטיגן נאכט. נאך געציילטע מינוטן האט זיך דער מגיד אנטפלעקט צו אים, און אין עטליכע סעקונדעס האט דער איידעם באמערקט ווי די הייליגע אותיות זענען גענצליך פארשווארצט. אוי ווייי! ער איז אריינגענארט געווארן. גלייך האט ער געטוהן ווי זיין שווער האט אים געהייסן, און זינט דאן האט זיך יענער מגיד קיינמאל מער נישט באוויזן...

*

ווען רבי דוב חיה'לעס האט פארענדיגט דערציילן די געשיכטע פארן רבי'ן, האט זיך דער רבי אויפגעשטעלט אויף זיינע צוויי פיס און געזאגט –

"אבער ביי אונז טוען 'אלע' אותיות לייכטן און שיינען!".

דאן האט דער רבי פארציילט איבער זיין הייליגן ספר וועלכע איז געשריבן געווארן מיט זיין כתב-יד, מיטן נאמען "ספר המידות – ספר האל"ף בי"ת", און דעמאלטס האט דער רבי אנגעהויבן צום ערשטן מאל אויסדרוקן זיין ווילן אז דער ספר זאל פארשפרייט ווערן אויפן וועלט.


ואלו יעמדו על הברכה

מוה"ר משה מאיר זילבערשטיין הי"ו
קרית יואל
שתרם 2,500 גליונות
לרגל אירוסי בנו החתן יעקב הי"ו
ולרגל הולדת נכדו אצל בנו מוה"ר אהרן הי"ו
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוהר"ר יואל פריעדמאן הי"ו
קרית יואל
שתרם 1,000 גליונות
לע"נ הרה"ק רבי חיים זאנוויל ב"ר משה ויטא צפורה
זצוקללה"ה

מוה"ר יוסף האס הי"ו
וויליאמסבורג
שתרם 500 גליונות
לרגל הולדת בנו
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר נפתלי שווארץ הי"ו
בארא פארק
שתרם 500 גליונות
לרגל נישואי בתו
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

נתנדב לע"נ
הר"ר יקותיאל יהודה ב"ר צבי (פיש) ז"ל
יארצייט י"ט חשון
ת.נ.צ.ב.ה.

מעומק לבבינו אנו מברכים בזה ברכת מז"ט לחבירינו
החתן החשוב אברהם עביר קליין ב"ר יואל שלמה זלמן הי"ו
לרגל נישואיו בשעטומ"צ
ולהחתן החשוב מרדכי יצחק סאמעט נ"י
לרגל אירוסיו בשעטומ"צ
חבריו וידידיו

טועמיה
טעגליכע פינף מינוטיגע אויסצוגן פון חשובי חסידי ברסלב
צו הערן אויף
קול החבורה
646.585.2985